*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת וירא

### וירא (א)

אין אנהויב פון אונזער פרשה שטייט "וירא אליו ה'" אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם. זאגט רש"י "לבקר את החולה", אז עס איז געווען "יום שלישי למילתו", דעם דריטן טאג נאך זיין ברית מילה. דעמאלסט איז די גרעסטע סכנה, איז דערפאר, דער אויבערשטער געקומען עם מבקר חולה זיין.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס שטייט "וירא *אליו*", און ניט "וירא אל*אברהם*"?

דער ענטפער איז:

אויב עס וואלט געשטאנען "וירא אל*אברהם*", וואלט מען געמיינט אז דאס וואס דער אויבערשטער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם'ן, איז דאס מצד מעלתו של אברהם אבינו, און עס איז ניט קיין ראי' פון דעם אז מען דארף מבקר חולה זיין סתם א אידן. דערפאר שטייט דא ניט דער ווארט "אברהם", אז מען זאל וויסן אז עס איז א מצוה צו מבקר חולה זיין יעדער אידן.

עס שטייט "אחרי ה' אלקיכם תלכו", מען זאל נאכגיין די וועגן פון דעם אויבערשטן. וויבאלד מען געפינט אז דער אויבערשטער האט מבקר חולה געווען אברהם'ן, לערנט מען אפ פון דעם אז מען דארף מבקר חולה זיין יעדער אידן.

ביקור חולים איז איינע פון די ענינים פון גמילות חסדים אין וועלכע צבאות השם זיינען זיך עוסק.

(לקו"ש ח"ה ע' 320)

### וירא (ב)

פרשת וירא פאנגט זיך אן מיט צוויי מצוות פון גמילות חסדים. אין ערשטן פסוק שטייט "וירא אליו ה'". רש"י זאגט אז עס איז געווען יום שלישי למילתו און דער אויבערשטער איז עם געקומען מבקר חולה זיין.

אין צווייטן פסוק שטייט "וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם", אז אברהם איז געלאפן טאן די מצוה פון הכנסת אורחים.

דארף מען פארשטיין:

וואס איז די שייכות פון די צוויי פסוקים איינעם צום צווייטן? איז עס דען צוליב דעם וואס דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו עם, האט אברהם מקיים געווען מצות הכנסת אורחים?

דער ענטפער איז:

אברהם אבינו איז געווען זייער גרויס אין מדת החסד. ער האט געהאלפן יעדן מענטש. זיין שטוב איז געווען אפען פאר אלעמען צו עסן און טרינקען אן געלט. נאכ'ן עסן האט אברהם געלערנט די אורחים אז זיי דארפן בענטשן און דאנקען ג-ט פאר זייער עסן. אזוי האט זיי אברהם געהאלפן ברוחניות, אז זיי זאלן וויסן אז עס איז פאראן א ג-ט אויף דער וועלט.

אברהם אבינו האט ניט נאר געהאלפן אן אורח ווען ער איז געקומען צו עם בעטן עסן. נאר אברהם האט געזוכט אורחים, און האט געהאט צער ווען ער האט ניט געפונען קיין אורחים.

די מדריגה פון חסד, צו וועלן העלפן אפילו ווען עס איז ניט פאראן איינער וואס דארף הילף, האט אברהם באקומען ווען דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו עם. דערפאר שטייט פריער אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם, און דערנאך האט אברהם געהאט צער פון דעם וואס ער האט ניט קיין אורחים.

דער אויבערשטער האט געזעהן דעם צער פון אברהם, האט ער עם געשיקט מלאכים. אברהם אבינו, באקומענדיק פון הימל די התעוררות אויף נאך א גרעסערע מדריגה פון חסד, האט עס גלייך אויסגענוצט, און "וירץ לקראתם", ער איז געלאפן אנטקעגן די מלאכים העלפן זיי.

די הוראה פאר אונז איז: בשעת איינער ווערט נתעורר פלוצלונג אויף ווערן בעסער, דארף ער וויסן אז די התעוררות קומט פון הימעל. כדי אז די התעוררות זאל ניט ח"ו בטל ווערן, מוז ער גלייך טאן א מצוה בפועל, אזוי ווי אברהם האט געטאן.

(לקו"ש ח"ה ע' 329)

## וירא (ג)

די היינטיגע סדרה דערציילט וועגן דעם ערשטן אידן וואס איז געווען אויף דער וועלט. ער איז געווען אן איין און איינציגער. די גאנצע וועלט איז געווען קעגן עם, ביז מען האט איינגעזעהן אז דער אויבערשטער איז מיט עם און ער שטיצט עם אין אלץ וואס ער טוט.

און אין דער צייט, דערציילט די סדרה, "ויטע אשל בבאר שבע". אברהם אבינו האט געפלאנצט אן אשל; "ויקרא בשם ה' א-ל עולם". ער האט מפרסם געווען געטליכקייט און אמונה.

דארף מען פארשטיין:

וואס לערנען מיר אפ פון דעם וואס אברהם אבינו האט געפלאנצט אן אשל? די תורה באשרייבט דאך די גרויסקייט פון אברהם אבינו, זייענדיק אן איינציגער איד האט ער אומעטום פארשפרייט אמונה בה' אחד. איז וואס גיט צו, דער דערציילונג פון זיין פלאנצן אן אשל?

אין פשטות איז דער טייטש פון "אשל" - א גרויס פארצווייגטער בוים. זייענדיק אין א מדבר'דיקן לאנד (ארץ פלשתים) וואו די היץ פון דער זון ברענט, האט ער דארט געפלאנצט א בוים כדי צו באשיצן זיך פון דער זון.

אין גמרא שטייט אז "אשל" מיינט ניט אן איינציגן בוים, נאר אברהם האט געפלאנצט א גאנצן גארטן מיט פרוכט בוימער. דער צוועק פון א גארטן איז געווען אז די פארבייגייער - אורחים זאלן געניסן פון די פרוכטן. נאך א דיעה: אז "אשל" מיינט "פונדק" - "אכסניא". אברהם האט די אורחים געגעבן ניט בלויז פרוכטן נאר עסן און טרינקן, פלייש מיט וויין כו' און א געלעגער. עס שטייט אין מדרש אז אברהם האט אפילו איינגעארדענט ביי זיך אין הויז א סנהדרין בכדי צו ענטפערן אויף די שאלות וואס האבן געקענט אויפקומען ביי די אורחים.

די תורה דערציילט אונז דא דעם אופן פון אברהם אבינו'ס הכנסת אורחים: ער האט זיך ניט באגנוגענט מיט געבן די אורחים ברויט און וואסער און זאלץ, וואס זיי זיינען דאך געגוג צו אנזעטיקן. אברהם אבינו האט זיך ניט באגנוגענט מיט געבן דעם מינימום. ער האט אויך געגעבן פארגעניגן זאכן: פרוכט, וויין, כל מיני מגדים, א געלעגער, און אפילו א סנהדרין צו ענטפערן זייערע שאלות. ער האט דאס אלץ זיי געגעבן כאטש זיי זיינען געווען פאר עם אינגאנצן פרעמדע מענטשן.

פון דעם דארף זיך יעדער איד אפלערנען: ביי יעדער איד איז איינגעפלאנצט אין הארצן די מדה פון צדקה און גמילות חסדים. דארף ער וויסן אז די מדה, וואס ער האט בירושה פון אברהם אבינו, איז ניט בלויז אויף צו געבן א צווייטן דאס סאמע נויטיקע, נאר אויך צו געבן עם דברי תענוג; און ניט נאר אין מאטעריעלען זין נאר אויך צו לייזן יענעמס נפש'דיקע פראבלעמען.

(לקו"ש ח"ג ע' 769)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]

*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## כ"ף מר-חשון

---

### כ"ף מר-חשון

כ' מר-חשון איז דער יום ההולדת פון דעם רבי מהורש"ב - רבי שלום דובער נ"ע - וועלכער איז אין דעם טאג געבוירן געווארן אין יאר תרכ"א.

איינע פון די המשכים - מאמרים פון דעם רבי'ן הרש"ב איז דער המשך פון מאמרים וואס ער האט געזאגט אין יאר תרס"ו. אין דעם ספר רעדט זיך די מעלה פון יגיעה אין תורה - הארעווען אין תורה.

עס זיינען פאראן תלמידים וואס גייען ארום און טראכטן, ווי געפינט מען אן עצה מ'זאל האבן חשק צום לערנען. זאל מען וויסן אז דער עיקר איז יגיעה אין תורה. מען דארף זיין צופרידן אז מען האט ניט קיין חשק צום לערנען, נאר מען לערנט מיט יגיעה און קבלת עול.

עס איז באוואוסט די מעשה מיט'ן צמח צדק. איינער איז געקומען צום צמח צדק קלאגן זיך אז ער האט ניט קיין חשק צום לערנען. האט עם דער צמח צדק געענטפערט: איז דאך גוט, וואס זאל איך טאן אז איך האב יא א חשק?

לערנען תורה דארף זיין דוקא ביגיעה. אז איינער זוכט חשק, גיט ער דאך אוועק א גוואלדיגע געלעגענהייט. אז ער האט "זוכה געווען" און האט ניט קיין חשק און וויל טאקע שטארק ניט, און גאר שטארק ניט, איז אז ער וועט לערנען מיט קבלת עול און יגיעה, וועט ער צוקומען צו די העכסטע מדריגה.

יעדער סאלדאט פון צבאות השם דארף זיך פארשטעלן אז עס איז ווי מען אונטערזוכט עם צי ער איז ראוי אויף ווערן אנגענומען אין צבא, ארמיי. אין א גשמיות'דיקע ארמיי איז דער עיקר נוגע צי ער איז א געזונטער מענטש, און מ'טראכט ניט צי ער האט חשק צי ניט. אויב ער איז א געזונטער מענטש נעמט מען עם באלד אן, און מ'פרעגט עם ניט צי ער האט חשק. מען הייסט עם ניט גיין אהיים, און קומען צוריק ווען ער באקומט חשק, נאר מען נעמט עם באלד אן.

אזוי איז אויך אין ארמיי פון השם. ס'איז ניט נוגע צי מען האט חשק צי ניט. מ'דארף לערנען מיט קבלת עול. *המעשה הוא העיקר*.

(לקו"ש חט"ו ע' 503)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"